אויף תיכף ארויסצוגעבן: 6/17/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנאר האקול מעלדט דאס אנהייבן פון $4.7 מיליאן פראיעקט איבערצובויען בריקן אויפ'ן טרוועי אין הערקימער קאונטי**

***פראיעקט נעמט אריין נייע קאנקריט דעק און פאנדעמענט פארערכטונגען***

***פראיעקט איז ערווארטעט צו ווערן פארענדיגט אין הערבסט 2025***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן די אנהייב פון א $4.7 מיליאן פראיעקט איבערצובויען די I-90 עיסטבאונד און וועסטבאונד בריקן איבער סטערלינג קריק (מיילפאוסט 227.4 און 227.41) אין הערקימער קאונטי. די בריקן, לאקירט צווישן עקזיט 30 (הערקימער - מאהארק - NY רוט 28) און עקזיט 31 (יוטיקע - NY - I-790 רוטס 8 & 12), זענען געבויט געווארן אין 1954 און טראגן בערך 26,000 וויהיקלס יעדן טאג. די בריקן זענען א טייל פון די אריגינעלע ניו יארק סטעיט טרוועי סיסטעם און זענען צווישן די 75 פראצענט פון טרוועי בריקן וואס זענען איבער 60 יאר אלט.

"ניו יארק אינוועסטירט אין איבערבויען און פארבעסערן אונזער אינפעסטרוקטור דורכאויס די סטעיט, פארזיכערנדיג אז אונזער טראנספארטאציע סיסטעמס זענען פארזיכערט און פארלעסליך," **האט גאווערנער האקעל געזאגט.** "די פראיעקט איז איינס פון אסאך וואס וועט פארבעסערן די טרוועי און פארזיכערן אז אונזערע שאסייען זענען גוט פאר אלע איינוואוינער און באזוכער."

**טרוועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. הויער האט געזאגט,** "די טראוועי אויטאריטעט איז אנטשלאסן צו אדרעסירן פארעלטערטע אינפעסטרוקטור און אינוועסטירן אין פראיעקטן צו פארמערן זיכערהייט און פארלעסליכקייט. די פראיעקט איז איינע פון צענדליגע אויף די טרוועי וואס איז געלייגט א דגש אויף מאדערנאזירן אונזער שאסייוועגן, נאכאמאל אינוועסטירן טאל פארדינסטן צוריק אין די סיסטעם אין וויכטיגע אינפעסטרוקטור פראיעקטן דורכאויס די סיסטעם."

די פראיעקט רעכנט אריין טיילווייזע טיפקייט קאנקריט יסוד פארערכטונגען, אינסטולירן נייע בערינגס, נייע גיידרעיל און נייע סטרייפינג ווי אויך איוספלאסטערן 200 פיס פון די וועגן אויף ביידע זייטן פון די בריקן. אנגעהויבן די וואך, וועט אלע עיסטבאונד און וועסטבאונד טרעפיק אויף די I-90 ביי די בריקן ווערן אריבערגעפירט צו די וועסטבאונד לעינס צוליב ארבעט אויף די עיסטבאונד בריק.

אין הערבסט פון 2024, ווען ארבעט אויף די נייע עיסטבאונד בריק איז פארענדיגט, וועט טרעפיק ווערן צוריקגעפירט צו די אריגינעלע אויסשטעל פאר'ן ווינטער. אין פרילינג פון 2025, וועט אלע טרעפיק ווערן אריבערגעפירט צו די עיסטבאונד לעינס, צוליב ארבעט צו ווערן אנגעהויבן אויף די וועסטבאונד בריקן. דרייווערס וועלן זיך מעגליך אנשטויסן אין שטייטערע אדער אפגעשטעלטע טראפיק אויף די טרו-ועי דורכאויס קאנסטרוקציע. ענדערונג פעאיגע שילדן וועלן ראטן מאטאריסט איבער די קאנסטרוקציע ארבעט. ווין קאנסטראקשן קארפ. פון אמסטערדאם, NY איז דער פראיעקט קאנטראקטאר, נאך א

קאנקורירנדע בידדינג פראצעדור. די פראיעקט איז באשטימט פארענדיגט צו ווערן הערבסט 2025. די ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און די דאטומען קענען זיך טוישן.

**אסעמבלימעמבער ראבערט סמולען האט געזאגט**, "הילפסמיטלען וואס ווערן צוריקגעגעבן צו די מאהארק וואלי אזוויי די $4.7 מיליאן איבערבויאונג פראיעקט איבערצובויען די I-90 עיסטבאונד און וועסטבאונד בריקן איבער סטערלינג קריק אין הערקימער קאונטי זענען וויכטיג. די צוויי בריקן זענען יעצט 70 יאר אלט און מוזן ווערן ריכטיג אנגעהאלטן צו ערלויבן די איבער 26,000 דרייווערן וואס קומען דארט טעגליך אן אריבערצופארן אויף א פארזיכערטן אופן. הערקימער קאונטי אינוואוינער און ערשטע רעספאנדירער דארפן וויסן אז אונזערע לאקאלע בריקן און אינפעסטרוקטור ווערן יעצט געמאכט פארזיכערט אויף די סטעיט שטאפל - איך קוק ארויס צו זען די איבערבויאונג באמיאונגען געענדיגט אויף הערבסט פון 2025."

דרייווערס ווערן געמוטיגט צו זיין אויף די וואך און אויספאלגן די געשילדערטע ארבעט זאנע שנעלקייט באגרעניצונג. קנסות ווערן געדאפלט פאר'ן פארן שנעל אין אן ארבעט זאנע.

צו נאכמער פארבעסערן זיכערהייט פאר ארבעטער אין אן ארבעט זאנע, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו אוועקשטעלן די אוטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פילאט פראגראם. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין אפריל 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע בוי-ארבעט זאנעס אויף די טרו-וועי. ארבעט זאנעס מיט קאמערא אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן פירנדיג צו די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספּיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מער אינפארמאציע אויף די פראגראם קען מען געפינען [דא](https://www.governor.ny.gov).

זינט 2021, האט די טרוועי אויטאריטעט האט ווידעראמאל אינוועסטירט אין מער ווי $182.5 מיליאן פאר קאפיטאל פארבעסערונגען פראיעקטן אין די סירעקאוס אפטיילונג, וואס איז אויסגעשפרייט לענגאויס בערך 153 מייל צווישן הערקימער און אנטעריא קאונטיס. איבער די קומענדיגע פינף יאר, איז די טרואוועי אויטאריטעט'ס קאפיטל פראגראם געשאצט צו אינוועסטירן מער ווי $395.5 מיליאן אין די צענטאל ניו יארק ראיאן.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, ווערן דרייווערס געמוטיגט צו דאונלאוד'ען איר [מאבייל עפּפ](https://www.governor.ny.gov) וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנוויייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרוּוועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע [רייזנדע מאפע](https://www.governor.ny.gov) וואס פארמאגט לעבעדיגע טראפיק קאמערעס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען [TRANSalert](https://www.governor.ny.gov) אימעילס, וועלכע געבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרוּוועי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן